גליון סט
פרשת כי תשא תשפ"ד

# צום פינטל

משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים

## פרשה

### די קיום פון די וועלט - זיך איבערבעטן

#### ◆ תשובה יסוד העולם

די חז"ל זאגן ’לא היו ישראל ראויין אלא להורות תשובה’, פון די פשוטע ווערטער קוקט אויס אז ס’האט זיך געלוינט די חטא כדי ס’זאל ארויסקומען די גילוי פון ’תשובה’, לכאורה איז דאך אסאך בעסער ווען מ’זינדיגט בכלל נישט, תשובה איז דאך נאר א בדיעבד’דיגע זאך, פארוואס זאל זיך האבן געלוינט עובר צו זיין די ’לכתחלה’, אז ס’זאל ארויסקומען די גילוי התשובה פון ’בדיעבד’.

תשובה איז די יסוד הבריאה, ’תשובה קדמה לעולם’, אָן תשובה וואלט די וועלט נישט געהאט קיין קיום, אָן דעם וואס מ’קען איבערבעטן דעם אייבערשטן כביכול, וואלט די וועלט נישט געקענט אנגיין. אויך אין די גשמיות’דיגע וועלט צווישן חברים ידידים און קרובים, אויב וואלט ווען נישט געווען אזא זאך ווי זיך איבערבעטן, אויב וואלט ווען נישט געווען אזא זאך ווי ’תשובה’, וואלט די גאנצע ’סאושעל’ וועלט צוזאמגעפאלן. וועגן דעם, פאר דער אייבישטער האט באשאפן די וועלט, האט ער קודם צוגעגרייט אזא זאך ווי ’תשובה’, א ’בריאה’ פון זיך איבער בעטן און אנפאנגען פון פריש, וואס דאס האלט אן די קיום פון די וועלט.

און די יסוד דארף יעדער וויסן פאר מ’פאנגט אָן יעדער סארט קשר מיט א מענטש, חברים ידידים קרובים וכו’, פאר אלעס דארף מען זיך צוגרייטן מיט די ’סקיל’ וואס הייסט ’תשובה’, יעדער ’קשר’ האט פארשידענע צייטן, יעצט איז טאקע אלעס פיין, אבער אין פארלויף פון די יארן מאכט זיך פארשידענס, קיינער איז נישט פארזוכערט, יעדער ’קשר’ קען היפש צושאקלט ווערן, און אויב מ’איז צוגעגרייט פון פאראויס מיט ’תשובה’, ווייסט מען מיט א רואיגקייט אז וואס ס’וועט נאר נישט זיין, קען מען זיך אייביג איבערבעטן, וואס דאס געט כח צו בויען א ’קשר’ מיט א רואיגקייט און א שטארקייט.

#### ◆ תשובה קודם

די טבעיות’ן פון די מענטשהייט איז נישט דוקא צוגעפאסט, מ’דארף זיך אביסל אויסרייבן איינער מיטן צווייטן, און אָן ’תשובה’ איז דאס נישט מעגליך, אָן דעם וואס מ’זאל זיך קענען איבערבעטן, קען די מענטשהייט נישט עקזיסטירן. א מענטש וואס טראכט נאר פון יעצט, ער קען זעהן זאכן אָנגיין אָן תשובה און אָן זיך איבערבעטן, אבער אויב מ’טראכט פון מער א ברייטערע און גרעסערע בילד, איז נישט מעגליך ס’זאל אנגיין אָן תשובה. אין די גרויסע בילד איז זוכער אז ס’גייט זיין פארשידענע שוועריגקייטן, און יעדער קשר גייט זוכער זיין פארשידענע שוועריגקייטן, און אויב איז נישט דא די בריאה פון ’תשובה’, די בריאה פון זיך צו אנטשולדיגען, דאן קען די מענטשהייט נישט עקזעסטירן.

> **די יסוד און די התחלה פון אלעס איז תשובה, ’תשובה קדמה לעולם’, און אויך די תכלית און די סוף פון אלעס איז ’תשובה’**

למשל א יונגערמאן האט חתונה, נארמאל טראכט א מענטש פון יעצט, ער נעמט זיך אונטער צו זיין די בעסטע מאן, ער מאכט אפ מיט א פעסקייט אז ער גייט קיינמאל נישט וויי טון דעם צווייטן וכו’, אבער ווען מ’האלט שוין צוואנציג דרייסיג יאר נאך די חתונה, פארשטייט ער אויכעט אז אָן תשובה און אָן זיך איבערבעטן, האט די ’חתונה קשר’ נישט קיין שום קיום.

און דער באשעפער גרייט דאס צו פאר די חתונה, ’תשובה קדמה לעולם’, נאך ביפאר די יונגע פאר פאלק גארטלט זיך אָן און זיי גייען זיין די בעסטע מאן און פרוי, נאך אסאך פארדעם האט שוין דער אייבישטער אנגעגרייט פאר זיי די כח ה’תשובה’. גלייך נאך די חתונה פעלט עס נאך נישט אויס, אבער שפעטער און פארלויף פון די יארן, צוואנציג דרייסיג יאר נאך די חתונה, פארשטייט יעדער אז אָן די בריאה פון ’תשובה’, וואלט קיין חתונה לעבן נישט געווען.

און דאס קען זיין די טעם פארוואס ’חתן וכלה’ פאסטן ביום החופה, זיי זענען מעורר די ענין פון ’תשובה קדמה לעולם’. פאר זיי פאנגען אָן צו בויען זייער ’עולם הפרטי’, פארדעם גרייטן זיי זיך אָן מיט די כח ה’תשובה’. אזויווי ביי בריאת העולם איז ’תשובה’ באשאפן געווארן פאר אלעס, ווייל אָנדעם קען גארנישט האבן א קיום, די זעלבע זאך איז אויך ביי יעדער חתונה, נאך פאר זיי פאנגן אָן צו בויען זייער שטוב, פאסטן זיי און גרייטן זיך אָן מיט די כח פון זיך איבערבעטן, מיט די כח פון תשובה.

און אזויווי מ’פארשטייט דאס גוט ביי חתן וכלה, די זעלבע זאך איז ביי יעדער קשר צווישן צוויי מענטשן. מיט א ברייטע בליק אין ’חכמת חיים’ פארשטייט מען, אז אָן ’תשובה’, אָנדעם וואס מ’זאל זיך קענען איבערבעטן, האט די גאנצע מענטשהייט נישט קיין קיום.

#### ◆ תשובה תכלית הכל

די תכלית פון די וועלט איז ’תשובה’, די יודן האבן א הבטחה אז ’באחרית הימים’ וועט מען קומען צו תשובה, תשובה איז די תכלית פון די גאנצע שית אלפי שנין. די וועלט איז דערווייטערט פונעם אייבירשטן, דעם אייבירשטן’ס נאמען איז פארשוועכט, מ’קוקט ארויס אויף

המשך בעמוד הבא

תשובה, מ'האפט אז די וועלט זאל ווערן צוריק א גוטע וועלט, דער אייבירשטער'ס נאמען זאל צוריק נתקדש ווערן און צוריק באקומען איר כבוד כביכול.

אויך די תכלית פון א יוד'ס לעבן איז 'תשובה', די שטרעבן פון א יוד איז צוריק צו קומען צו זיין שורש אין 'עולם הבא', צו זיין אמת'ע קביעות'דע און אייביגע פלאץ. ער איז נתרחק געווארן אראפקומענדיג דא אין עולם הזה, און זיין גאנצע לעבן שטרעבט ער צוריק צום תכלית, צוריק צום שורש אין עולם הבא.

קומט אויס אז די יסוד און די התחלה פון אלעס איז תשובה, 'תשובה קדמה לעולם', און אויך די תכלית און די סוף פון אלעס איז 'תשובה', 'נעוץ סופן בתחילתן', 'סוף מעשה במחשבה תחלה', די התחלה מיט די סוף איז די זעלבע, תשובה איז פאר אלעס, תשובה איז די יסוד פון אלעס, און תשובה איז אויך די סוף און די תכלית פון אלעס.

ממילא פארשטייט מען גוט די 'להורות תשובה', אז יא, ס'לוינט זיך אזא דורכגאנג פאר די גילוי פון 'תשובה', תשובה איז די יסוד און די תכלית פון אלעס, אלעס קומט פון תשובה, און אלעס גייט צו תשובה, תשובה איז די עבר, און תשובה איז די עתיד, ממילא לוינט זיך אלעס פאר די גילוי התשובה.

אויך ביי די קשרים וואס יעדער האט מיט זיינע חבירים ידידים און קרובים, איז 'תשובה' די יסוד און התחלה, ווי געשמועסט אז פאר יעדער קשר פאנגט זיך אָן מוז מען וויסען אז מ'גייט קענען תשובה טון אויב עפעס געשעט. און אויך איז 'תשובה' די תכלית און סוף פון יעדער קשר, יעדער האפט צו מאכן בעסער זיינע קשרים מיט זיינע חברים ידידים וקרובים, א מענטש שטרעבט אויף דעם, קומט אויס אז אלע קשרים פאנגט זיך אָן מיט די כח התשובה, און די גאול איז די כח התשובה. און אויך ביי יעדע 'חתונה לעבן' איז דאס די שטרעבן, יעדער מאן און פרוי שטרעבן בעסער צו מאכן זייער חתונה לעבן, ווי מ'זעט בחוש אז א גאנצע לעבן שטרעבט א יוד בעסער צו מאכן זיין שלום בית, וואס דאס מיינט בעומק אז מ'שטרעבט אויף 'תשובה'. תשובה איז סיי די יסוד פון די 'חתונה לעבן', און אויך די תכלית פון די חתונה לעבן.

א אונטערעסאנטע זאך, אז א מענטש קען צומאל מער הנאה האבן ווען מ'בעט אים איבער, ווי ווען מ'וואלט אים קיינמאל נישט געטשעפעט. וויל ווען זיין כבוד איז נתחלל געווארן, און נאכדעם קומט זיין כבוד צוריק, מיט דעם קומט זיין 'כבוד' אסאך שטערקער ארויס. וואס דאס מיינט אז די 'תכלית' פון אלעס איז 'תשובה', דער אייבישטער האט אזוי אויסגעשטעלט די בריאה, אז די בריאה זאל נתרחק ווערן פון אים כביכול, כדי זי זאל שפעטער צוריק נתקרב ווערן, אזוי זאל שטערקער ארויס קומען זיין כבוד כביכול.

### אחטא ואשוב

'תשובה קדמה לעולם' איז לכאורה אביסל אין קאנטראסט מיט 'אחטא ואשוב', אויב פאר אלעס איז צוגעגרייט תשובה, פאר יעדער קשר ווערט צוגעגרייט די כח התשובה, איז פארוואס זאל דאס נישט זיין אזוי 'אחטא ואשוב', אויב מ'ווייסט פון פאראויס אז וואס ס'זאל נישט זיין קען מען תשובה טון, הערט זיך עס ווי כאילו מ'פלאנט צו טשעפענען און נאכדעם איבערבעטן.

די לומדות פון 'אחטא ואשוב' איז, אז מ'טוט יענעם ווי, און מ'לאכט זיך אונטער, מארגן וועל איך שוין יענעם איבערבעטן וכו', יעצט קען איך יענעם גוט צומבלען, און מארגן וועל איך זיך שוין מסדר זיין מיט אים, אזא זאך הייסט 'אחטא ואשוב', אבער די ידיעה אז וואס ס'זאל נאר נישט זיין איז אלעמאל דא א וועג צו מתקן זיין, ס'איז אלעמאל דא א וועג פון תשובה, און אויב איך וועל זיך נישט קענען קאנטראלירן, וועל איך קענען יענעם איבערבעטן, דאס איז א גוטע זאך וואס יעדער דארף לעבן מיט דעם, דאס האט נישט קיין שייכות מיט 'אחטא ואשוב'.

שטייט פון די קדמונים אין די סוגיא פון 'אחטא ואשוב', אז אויב טוט מען באמת תשובה, קען א 'אחטא ואשוב' אויך תשובה טון. 'אחטא ואשוב' מיינט אז מ'טוט יענעם ווי מיטן פלאן יענעם איברצובעטן, וואס די איבערבעטן גופא איז ווי א חלק פון די טשעפע, מיט זיין איבערבעטן ווייזט ער אז ער איז דער גאנצער בעל הבית, ווען ס'שמעקט אים טשעפט ער, און ווען ס'שמעקט אים האט ער די חופצה צו פארלאנגען מ'זאל אים מוחל זיין, וואס דאס ווייזט נישט קיין שום חרטה אדער הכנעה. אדרבא די איבערבעטן לייגט גאר צו אויל צום פייער, די איבערבעטן העלפט אים נאכמער צו טשעפענען, וויסענדיג אז ער האט יענעם אין זיין האנט, און ווען ער וויל קען ער אים איבערבעטן און צווינגן אים מוחל זיין.

דאס מיינט 'אחטא ואשוב', אבער אויב מ'טוט באמת תשובה, נאכן זאגן 'אחטא ואשוב' טוישט מען זיך באמת, מ'איז זיך מתנחם און מ'האט חרטה אויף ביז יעצט, מ'האט חרטה אויף דעם גופא אז מ'האט געזאגט 'אחטא ואשוב', דאן קען א 'אחטא ואשוב' אויך תשובה טון.

און לעניננו, די ידיעה אז וואס ס'זאל זיך נישט מאכן, קען מען אלעמאל תשובה טון, דאס איז א גוטע און רואיגע זאך פאר יעדער 'קשר', 'תשובה קדמה לעולם', פאר אלעס דארף מען דאס וויסן, דאס איז נישט קיין זלזול אינעם צווייטן, אדרבא דאס איז א רואיגקייט און זוכערקייט אין די קשר וואס איז צווישן זיי. און אזוי אויך כביכול ביי עבודת ה', א מענטש וואס מיינט אז ער גייט אלעמאל בלייבן ביי די הויכע מדריגה, איז דאס א שטיקל צמצום, וויל קוקענדיג פון א ברייטע און גרויסע פיקטשער, פארשטייט יעדער אז ס'גייט זוכער אמאל אויסקומען אז מ'גייט נישט זיין אויף די הויכע מדריגה, אבער דא קומט אריין 'תשובה קדמה לעולם', פאר אלעס האט שוין דער אייבישטער צוגעגרייט תשובה, און וואס ס'זאל נאר נישט זיין, גייט מען זיך קענען איבער בעטן, און וואס ס'זאל נאר נישט זיין גייט מען קענען אנפאנגן פון פריש.

### שאלו לחכמה

מענין לענין איז באקאנט די חז"ל אז 'שאלו לחכמה וכו' שאלו לנביאה וכו', ביז דער אייבישטער אליינס האט געזאגט 'יעשה תשובה'. אלע פרעגען די תורה און דער נביא איז דאך פיל מיט די ענינים פון תשובה, וואס הייסט דאס אז די תורה און די נביאה האבן נישט געוויסט פון די עצה פון תשובה, און ס'איז דאך אויך א שכל'דיגע זאך צווישן מענטשן אז מ'בעט זיך איבער און מ'טוט תשובה איינער פארן צווייטן.

ס'קען זיין די כונה איז, אז נאר דער אייבישטער קען מוחל זיין, וויל נאר אים האט ווי געטון, די תורה די חכמה און די נביאה זענען אלע גוטע שלוחים,

המשך בעמוד האחרון

## דיין פנים שיינט

סוף פרשה פארציילט די תורה וועגען די 'פנים' פון משה רבינו וואס האט געשיינט, לאמיר אריינטראכטן וואס איז דאס 'די שיין פון די פנים', מ'הערט מענטשן דריקן זיך אויס 'דיין פנים שיינט', וואס פאר א שיין איז דא אויפן פנים. פארשטייט זיך אז פון די שיין פון 'משה רבינו' קען מען נישט רעדן, אונז האבן נישט קיין שום השגה אין די הימעלישע שיין, אבער אונזערע פנים'ער קען מען פראבירן צו פארשטיין, וואס איז די 'שיין' וואס ס'איז דא אויפן פנים, פארוואס עפעס די פנים שיינט מער פון אלע אנדערע אברים, פארוואס הערט מען נישט אזא אויסדריק 'דיין הענט שיינט' 'דיין פיס שיינט' וכדומה, וואס עפעס האט די פנים עפעס במיוחד וואס שיינט, וואס איז דאס, און ווען קומט דאס ארויס.

די הייליגע חז"ל פארציילן (עבו"ז דף ד) אז א גוי האט געזעון די פנים פון ר' יהודה בר עילאי ווי ס'שיינט, האט ער געזאגט דיין פנים קוקט אויס ווי די האסט געטרינקן וויין, אדער ווי די ביסט א 'מלוי בריבית', אדער ביסטו פון די 'מגדלי חזרים', וואס זיי מאכן אסאך געלט אָן זיך פלאגן. האט ר' יהודה בר עילאי אים געזאגט, קיין איינס פון די דאזיגע איז נישט דא ביי מיר, און מיין פנים שיינט פשוט פון 'חכמת התורה', 'חכמת אדם תאיר פניו'. דארף מען פארשטיין וואס איז די לעכטיגקייט וואס קומט ארויס דורך חכמה.

> **אויף א 'בעל חי' קען מען נישט דערקענען גארנישט אויף זיין 'פנים', זיין 'פנים' רעדט נישט גארנישט**

## די טיר פונעם מענטש

די פנים פון א מענטש איז די טיר פונעם מענטש, די טיר פון די אינדערווייניגע געפילן, אויף די פנים דערקענט מען די שמחה און די צער, די פנים איז ווי די טיר צו עפענען און צו פארמאכן, ווען דער מענטש איז פרייליך עפענט ער די טיר, די געפילן פון אינדערווייניג שיינען ארויס אויפן פנים, און ווען דער מענטש איז טרויעריג, פארמאכט ער די טיר, די געפילן ווערן פארמאכט און בלייבן אינדערווייניג. אנדערע פלעצער אין די גוף האבן נישט די מעגליכקייט זיך צו עפענען און פארמאכן אזויווי די פנים, די הענט קען זיך אביסל עפענען און פארמאכן, אבער ס'איז נישט אויף א געפילישע וועג, נאר די פנים איז די איינציגע וואס האט די מעגליכקייט פון זיך עפענען און פארמאכן געפיליש, די פנים איז די טיר פון די געפילן ווען זיי קומען ארויס, און די פנים איז די טיר אויך ווען די געפילן פארמאכן זיך (די אויפגאבע פון א 'טיר' איז צו עפענען און אויך צו פארמאכן).

אין די תורה איז דא אויף דעם אסאך לשונות, 'מדוע פניכם רעים היום', 'רואה אנכי את פני אביכן', 'חכמת אדם תאיר פניו', 'הכרת פניהם ענתה בם' (ישעיה ג ט), למען תהיה יראתו על פניכם (שמות כ) וכדומה. נישט אלעס וואס טוט זיך אינדערווייניג קומט ארויס אויפן פנים, אבער א שיין ביסל קומט יא ארויס, ס'קומט ארויס אין די רעדן אין די שמייכל וכו', און ברמיזא קומט עס ארויס אין די הרגשים הדקים פון די אויגן און די נאז, און אויך אנדערע הרגשים פון די גאנצע פנים צוזאמען, לפי וויאזוי מ'קומט ארויס צו יענעם 'פנים אל פנים' מיט די גאנצע שטארקייט, אדער מ'קומט נאר אזוי פונדערזייט.

די 'פנים' איז די כח אין די מענטש צו מקרב זיין און מרחק זיין, די תורה זאגט (דברים טז יט) 'לא תכיר פנים', זיי נישט מקַרב איין 'בעל דין' מער ווי דעם צווייטן דורך דיין פנים, מיט דעם וואס די געסט פאר איינעם מער פון דיין 'פנים', ווערט ער מער נתקרב. ענדליך צו וואס ס'שטייט 'לא תשא פני דל' (ויקרא יט טו) נשיאת פנים, דוקא מיט די 'פנים'. אויך די וועג וויאזוי דער אייבישטער כביכול איז מקַרב איז דורך זיין פנים כביכול, ווי די תורה הקדושה זאגט (במדבר ו כו) 'ישא ה' פניו אליך', דורך 'נשיאת פנים', די פנים דוקא. אזוי אויך 'השבת הפנים' ווי די פסוק זאגט 'כי לא ישיב את פניך' (מלכים א ב,יז) "אל תשב פני משיחך" (תהלים קלב, י) אלעס איז דוקא מיט די 'פנים'.

שמחה און עצבות, כעס און צער, עזות און בושה, אלעס זעט מען אויפן פנים, די פסוק זאגט "יאר ה' פניו אליך" (במדבר ו, כה), "האר פניך בעבדך" (תהלים קיט, קלה), הארת פנים מיינט די שמחה וואס קומט ארויס אויפן פנים, ווי די פסוק זאגט (משלי טו יג) "לב שמח ייטב פנים" (משלי טו,יג). און פארקערט פון שמחה איז צער וואס דאס קומט אויך ארויס אויפן פנים, ווי די פסוקים זאגן "ויפלו פניו" (בראשית ד ה) 'מדוע פניכם רעים' (בראשית מ, ז), 'ופניה לא היו לה עוד' (שמו"א א, יח) "לעת פניך ידוד" (תהלים כא, י) "לוא אפיל פני בכם" (ירמיה ג,יב). און אויף עזות און בושה זאגט מען "עזי פנים" און "בושת פנים" (אבות, סוף פרק ה).

## פנים און פנימיות

'פנים' און 'פנימיות' איז פון די זעלבע לשון, אויף די פנים איז ניכר וואס טוט זיך אינדערווייניג. ס'איז באקאנט די זוהר הקדוש אין פרשת יתרו אויף די פסוק 'ואתה תחזה' אז אלעס קען מען זען אויף די שטריכן פונעם פנים, אויך אין זוהר אויף שיר השירים (א ט) שטייט אז אויף די פנים קומט ארויס די פנימיות, אויף די 'סימנים' פון די פנים קען מען דערקענען אלעס, אויף די שערות, מצח, עינים, פנים, שפתים, רשמי כף היד, אזנים, קען מען זען אלעס וואס טוט זיך אין דער מענטש.

סיי די נאטורן פונעם מענטש, למשל א מענטש וואס איז בטבע מער גבורה אדער חסדים וכדומה, און אויך די נפשיות'דיגע חלקים, אויף די פנים קען מען דערקענען די נפשיות'דיגע דרגא פונעם מענטש. אזויווי א משוגענער דערקענט יעדער גלייך אז ער איז נישט נארמאל אפילו ער רעדט נישט און טוט נישט גארנישט, די פנים אליינס רעדט און פארציילט אלעס, די זעלבע זאך איז מיט אלע סארטן נפשיות'דיגע שוואכקייטן, וואס די נישט נארמאלקייט דערפון, קומט ארויס און ווערט אויפגעדעקט אויפן 'פנים'. דאס וואס מ'רופט אז 'ס'פעלט אים עפעס א טאָטש' וכדומה, די אלע זאכן קענסטו טרעפן מבינים וואס קענען דערקענען די זאכן אויפן פנים, לפי די קשר עין און די שמייכל וכו'. די פנים איז די פלאץ ווי אלעס קומט ארויס, די פנים איז די פלאץ ווי די צדיקים האבן דערקענט די עבירות פונעם מענטש, אויפן פנים קומט ארויס די פנימיות.

איז מיט דעם וועט מען פארשטיין וואס דאס איז 'די שיין פון די פנים'. ווען די אינערליכע געפילן זענען איבערגעפילט

המשך בעמוד הבא

## ענינים



אויף א גוטע אופן, און זיי עפענען זיך אויף זיך ארויסצוגעבן, דאן קומען זיי ארויס אויפן פנים אין די פארעם פון א 'שיין', מ'דערקענט אז די פנים זיינער איז איבערגעפילט מיט גוטע געפילן, און די דיבורים זיינע זענען פיל מיט חיות. די געפילן פון די נשמה אינדערווייניג קומט ארויס אויף גאר א שטארקע אופן אז ס'שיינט ממש.

א מענטש וואס איז אנגעפילט מיט 'חכמה', ער איז זאַט און צופרידען מיט זיין חכמה, און ער עפענט אויף זיין חכמה עס ארויסצוגעבן, קומט דאס שטארק ארויס אויפן פנים, 'חכמת אדם תאיר פניו', בפרט אויב ער איז מחדש נייע זאכן אין חכמה, ווי ס'איז מבואר אין ירושלמי אויף ר' אבוהו אז זיין פנים האט געשיינט, האט ר' יוחנן געזאגט אז זוכער האט ער עפעס 'מחדש' געווען אין תורה הקדושה. אויך ווען א מענטש האט אסאך נחת, ער איז זאַט פון נחת, דאן קומט שטארק ארויס די אינערליכע געפילן אויפן פנים ארויף, און צומאל אויף א דרגא אז די פנים פאנגט אן צו שיינען, ווי למשל ביים סדר נאכט וכדומה, ווען די געפילן זענען זייער אפען.

בעצם דער מענטש אינדערווייניג שיינט, נאר געווענטליך קומט עס נישט ארויס ווייל די פנים פארמאכט די געפילן, אבער ווען די געפילן זענען פרייליך און איבער געפילט און זיי עפענען זיך אויף ארויסצוגעבן, דאן קומט ארויס די אינדערווייניגער שיין אויפן 'פנים' ארויף (אין שער הכוונות דרושי ראש השנה דרוש ז איז דא א מושג 'הארת פני התוקע', אז ביים בלאזן ווערט די פנים פון די תוקע נתאדם און ס'שיינט, לענינינו קען עס מיינען, אז דער 'בעל תוקע' ביים בלאזען ברענגט דאך שטארק ארויס זיין פנימיות, וואס פון דעם באקומט זיין פנים א שיין).

### פנים וחן

די פסוק זאגט 'יאר ה פניו אליך ויחונך', דער אייבישטער וועט שיינען זיין פנים צו דיר, און די וועסט האבן 'חן' ביי אים. א יוד וואס זיינע קינדער האבן 'חן' אין זיינע אויגן, מאכט דאס אז זיין פנים זאל שיינען, זיין אינדערווייניגע געפילן ווערן אפען און קומען שטארק ארויס אויפן פנים. דער אייבישטער זאגט ענק ווען האבן חן אין מיינע אויגן, ענק וועלן מאכן אז מיין פנים זאל שיינען צו ענק כביכול. און דאס איז וואס מ'הערט אסאך ווי מענטשן דריקן זיך אויס, 'די שיינסט פון נחת', וואס איז עפעס 'נחת' במיוחד וואס מאכט שיינען די פנים, נאר פשט איז די 'נחת' און די 'חן' עפענט מורא'דיג שטארק אויף די פנימיות וואס דאס קומט ארויס אויפן פנים.

א חתן וכלה האבן א שיין אויפן פנים, ווען זיי קומען ארויס פון אונטער די חופה, והיא כחתן יוצא מחופתו, זיי ווערן צוגעגליכן צו די זון וואס שיינט, די חתן וכלה קומען ארויס פון אונטער די חופה,ביידע זענען זיי געווען באדעקט מיט די צל החופה, און זיי קומען ארויס פון דארט מיט א מורא'דיגע 'התחדשות' פרייליכקייט און אפענקייט, וואס דאס ברענגט ממש אז זייערע פנים'ער זאלן אנפאנגען צו שיינען. אזוי ווי די זון איז זיך 'מתחדש' יעדן טאג מיט א מורא'דיגע שיין, אזוי אויך א חתן וכלה ביי די חופה, וואס זיי זענען זיך מתחדש מיט א מורא'דיגע התחדשות, פאנגען זיי אן צו שיינען ווי די זון.

דער עיקר זאך וואס שיינט איז די 'צלם אלקים' וואס א מענטש האט, און וועגען דעם זעט מען א אונטערסאנטע זאך, אז א 'בעל חי' האט בכלל נישט די זאך אז די 'פנים' זאל עפעס דערציילן, אויף א 'בעל חי' קען מען נישט דערקענען גארנישט אויף זיין 'פנים', זיין 'פנים' רעדט נישט גארנישט, צומאל אפשר אביסל טרויעריגקייט און נישט מער. אויף די 'פנים' פון א מענטש, אויף די 'פנים' פון א 'מדבר', קען מען דערקענען זיינע געפילן, ווייל דער מענטש האט א פנימיות'דיגע און געפילישע וועלט, א וועלט פון חכמה ודעת וואס איז זיך מתחדש, א פנימיות''דיגע וועלט וואס קומט ארויס אויפן פנים.

## פרשה



אבער זיי האט מען נישט ווי געטון, ווי געטון האט מען נאר דעם אייבירשטן אליינס, און ממילא איז נאר שייך צו בעטן מחילה פון אים. און בפרט אז דורכן בעטן 'מחילה', עפענט זיך אויף א טיפע פלאץ אין די הארץ פון דער געטשעפעטער (אויב מ'בעט מחילה מיט א אמת), וואס דאס קען נישט פארשטיין איינער פון אינדרויסן, ממילא די תורה חכמה און נביאה וואס זענען שלוחים, זיי האבן דאס נישט געקענט פארשטיין, נאר דער אייבישטער אליינס כביכול.

ס'איז מבואר אין הלכות יום כיפור ווי מ'רעדט פון איבערבעטן, אז לכתחלה זאל מען אליינס גיין איבער בעטן, נאר ווען מ'האט נישט קיין ברירה קען מען שוקן א שליח. ווייל א דרויסענדיגע שליח פילט נישט די ווייטאג, און ער פילט אויך נישט די 'נשיאת חן' וואס עפענט זיך אויף ווען יענער בעט איבער, ממילא איז די בעסטע זאך אויב מ'קען אליינס גיין און פאלן יענעם צו די פיס און איבערבעטן, וואס דעמאלטס שטעלט מען באמת אלעס צוריק אין פלאץ.


**נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה וקריאת התורה**

**לשמוע שיעורי הרב שליט"א בקול הלשון - 1-646-655-0559**

**אויף אידיש 1,**

**1.** שיעורים מהתקופה האחרונה | **2.** שיעורים | **3.** דיבאטעס | **4.** יום יומי שיעורים | **5.** על הפרשה | **6.** משנה וגמרא | **7.** הלכה | **8.** מוסר וחסידות |
**9.** סיפורי צדיקים | **10.** אינטערסאנטע טאפיקס | **11.** שבת | **12.** מועדים | **13.** נשואין | **14.** פארבערענגען | **15.** מדרש | **16.** סליידס (שקופיות) | **17.** הצגות

**אויף נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך.**

**אם ברצונכם לקבל הגליון במייל בכל שבוע, נא לפנות: zum-pintel+subscribe@googlegroups.com**
**או לשלוח בקשה: shalomlangs@gmail.com**

**לנדב הגליון לברכה והצלחה או לפרסם בו, וכן הרוצה להזמין את הרב שליט"א למסור שיעורים בישיבות ובכוללים,**
**נא להתקשר למכון מישרים 845-362-4982, או לשלוח מייל shalomlangs@gmail.com**


עיצוב: י.ב. 972-50-413-8477+